STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07891

ELTERFRUKHT FUN YUGNTTSVIT

Meyer Ziml Tkatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר זימל טקאַטש

*

עלטערפרוכט פון יוגנטצווייט

מאיר זיכל טקאטש

עלטערפרוכט
פון יוגנטצוויט

פארלאג „המנורה" תל-אביב
תשל"א — 1971

"ELTERFRUCHT FUN YUGNTZWIT"
(LATE FRUITS OF EARLY BLOSSOMS)

Poems

by MEYER ZIML TKATCH

מאיר זימל טקאַטש / עלטערפרוכט פון יוגנטצוויט

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House, 24 Zangwill st., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשל"א
Printed in Israel 1971

דפוס „אורלי", תל־אביב

אינהאַלט

הקדמה 7

לידער

ווען כ׳קוק איבער מיין אַרכיוו 11
אַלטע העפטן און בריוו 12
אַדיע, געבוירן־לאַנד 13
אַ ליד 14
זיי אַ קוואַל 15
זיי אַ ווינט 15
דער נביא און די פני־העיר 16
זריעה 17
פון פונקען אַ פלאַם 18
לאָזט מיך זיין אַליין 19
דער חילוק 20
אַ תפילה 21
אומרו 22
אומרוזעל 23
דאָרשט 24
דאָרשט צו לעבן 25
דער שטילער טייך און די שוועלן 26
אַ בליץ 28
אויף אַ זאַמדיקן וועג 29
אין וואַלד 30
דער ים אין ווינט און זון 31
אין פּאַרק 32
דער זונדינער 33
שלאָפט די נאַכט צי ניט 34
אַ געשיכטע 35
ניט־געוואונטשטע געפילן 36
אין באַן 37
אַ וואַלקן 37
אַ טיכעלע 38
עצבות 39

ניי־יאָר 39
די טעג פון יסורים פאַרשעלט ניט 40
פרישע לופט 41
געגעזונג 43
לידער ווי גלידער 44
ווידעראַנאַנדן 45
שוואַרץ און ווייס 45
אָפּגעבערעט די פליגעלעך 46

פּאָעמע

פייגעלעך 49

דערציילונג

דער שטילער יתום 57

איבערזעצונגען

דער יידישער בית־עלמין אין ניופּאָרט 63
אַבו בן אַדהעם 66
רחל 67
לוטס ווייב 68
וועגן מענטשנס גורל 69
צו פּראָמעטייען 71

הקדמה

דער נאָמען פון דאָזיקן ביכל לידער, „עלטערפרוכט פון יוגנטצווייט", מיינט פשוטו כמשמעו: דאָס זענען מיינע יוגנט־לעבע בליאונגען, אָנהייבערישע קלאַנגען פון געזאַנג, וואָס ערשט אויף דער עלטער האָב איך זוכה געווען פון די בליאונגען אויסצורייפן פירות, פון די קלאַנגען אויסצוזינגען לידער.

מיין יוגנט־אַרכיוו מיט די העפטן פון מיינע לידער אויף רוסיש (סיי געדרוקטע, סיי ניט־געדרוקטע), אויך מיינע ערשטע לידער אין מאַמע-לשון (מערסטנס ניט־געדרוקטע, פון די יאָרן 1914 און 1915), — אָט־דער דענקמאָל פון מיין יוגנט איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען און כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז פאַרפאַלן אויף זיכער. אָבער מיט העכער פופציק יאָר שפּעטער, אין יאָר 1969 האָט זיך די אבידה אָפּגעזוכט אין אַ וואַנטשאַפע אין הויז פון אַ לאַנדסמאַן אַ יוגנט־פריינד מיינעם, ביי וועמען איך פלעג אַמאָל איינשטיין (איך פאַרצייכן מיט דאַנק צו אים זיין נאָמען: מ א י ר ב ע ל י ט).

נאָכן איינזאַמלען מיינע פּאָעטישע ווערק אין די צוויי בענד „מיין האָב און גאָב" און נאָך מיין ביכל איבערזעצונגען „לידער און פּאָעמעס פון ראָבערט פראָסט", בין איך בערך פינף יאָר ניט געווען שעפעריש,* אָבער אַ דאַנק דער באַגעגעניש (אין אַרכיוו) מיט מיין יוגנט אויף דער עלטער, איז דער פּאָעט אין מיר אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

די מאָטיוון פון אָט־די דיכטערישע עלטער־פירות זענען פון דער פרישער שפּירעוודיקער יוגנט, אָבער זייער איצטיקער אויסדרוק איז פון דער דעפאַרענער עלטער. הגם איך

---

* איך רעכן ניט די עטלעכע צופעליקע איבערזעצונגען, וואָס איך נעם אויך אַריין אין דעם ביכל, הגם זיי געהערן ניט צו מיין „יוגנט־צווייט".

האָב זיך באַמיט צו זיין געטריי די געפילן און געדאַנקען פון מיינע יוגנט־מאָטיוון, — וואו ס׳איז געווען מעגלעך, האָב איך אַפילו גענוצט די זעלבע ווערטער, — אָבער איך מוז צוגעבן, אַז ביים איבערדיכטן די מאָטיוון האָב איך זיי גענומען ווי ט ע מ ע ס, — אמת, ניט ווי קיין באַשטעלטע טעמעס, ווייל איך האָב זיי איבעראַנייס דורכגעלעבט. אפשר וועט זיין ריכטיקער צו זאָגן, אַז כ׳האָב געמאַכט וואַריאַציעס אויף אייגענע טעמעס. אַזוי צי אַנדערש, האָבן דאָ זיך באַגעגנט די יוגנט מיט דער עלטער און זיך איינע די אַנדערע משפיע געווען.

ניט אַלץ אין דעם אַרכיוו האָב איך אויסגעשעפּט, — ניט אַלץ אין מיינע אַלטע אויגן איז געווען ראוי איבערצודיכטן, — און אפשר פעלן מיר שוין אויף דער עלטער די כוחות דאָס צו טאָן, ווייל פאַר אַ שעפער איז גאָר קיין נישטיקס ניטאָ, — ער שאַפט דאָך אַלץ איבער לויט זיין דמיונס כוח... דערפאַר האָב איך באַשלאָסן, כל־זמן ס׳איז נאָך ניט צו שפעט, זיך צואיילן מיטן אַרויסגיבן אין בוכפאָרם דאָס ביסל, וואָס כ׳האָב יאָ זוכה געווען אין די געשענקטע יאָרן אויפצוטאָן.

פאַר דעם דאָזיקן זכות דאַנק איך דעם באַשעפער מ י י נ ע ם.

מאיר זימל טקאַטש

לידער

ווען כ׳קוק איבער מיין אַרכיוו

פון מאָל צו מאָל, ווען כ׳קוק איבער
מיין מקדש — מיין אַרכיוו :
פּאַפּירן, בילדער, בריוו,
וואָס כ׳האָב באַהאַלטן, ווייל געהאַלטן הייליק,
דערפיל איך אַז פון זיי אַ חלק
איז מיט דער צייט וואָס איז אַריבער
שוין מער נישט הייליק, מער ניט טייער.
ווער דאַרף עס ?
און כ׳וואַרף עס
אַריין אין פייער.

נאָר אַז די רעשט פון מיינע הייליקטימער,
אויף ווייטער צו באַהאַלטן פון פּראָפאַנסקן שימער,
איך נעם צוזאַמענקלייבן,
באַגרייף איך מיט אַ שווער געמיט
(איך בין דערווייל איינגאַנצן וואָכעדיק נאָך ניט),
אַז נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל
און מיר וועט גאָרניט איבערבלייבן —
קיין אָנדענק, קיין סימבאָל,
אַז ס׳איז געווען ביי מיר ניט תמיד חול.

אַלטע העפטן און בריוו

ווען כ׳פֿאַרבענק זיך נאָך מיין יוגנט
וואַרט אין שופֿלאָד מיין אַרכיוו,
נעם איך אים אַרויס און כ׳לייען
אַלטע העפטן, אַלטע בריוו.

אין די העפטן ווי אַ לופֿטשלאָס
שטייגט מיין הויכער אידעאַל;
אין די בריוו די ריינע ליבע
לויכט אָן שאָטן ווי אַ שטראַל.

דאָס פּאַפּיר איז געל און ברעכיק,
ווייס און קנאַקיק שוין ניט מיין
און דער טינט איז אָפּגעקראָכן,
ס׳פֿעלן אותיות ווי ציין.

און עס ווערט מיין בליק פֿאַרנעפּלט —
פֿונעם אומקלאָרן געשריפֿץ
צי פֿון טרערן אין די אויגן —
און איך שמייכל און איך זיפֿץ.

יונגער גלויבן פֿון די העפטן,
ביסט שוין אַלט און ניט נאַאיוו!
און אין עץ-הדעת׳ שאָטן
ליגט די ליבע פֿון די בריוו...

אַדיע, געבוירן־לאַנד

(איבערדיכטונג פון מיין ערשטן געדרוקטן ליד אין רוסיש)

אַדיע, מיין לאַנד, מיין וויגל,
אַדיע, געבוירן־לאַנד אָן רעכט!
פון אונטער שלאָס און ריגל
אַנטלויף איך, ווי פון האַר אַ קנעכט.
אַדיע!... מיט ליבע הייסער
כ'האָב ווי אַ מאַמען דיך געאַכט
און אויף דיין יאָך פון קיסר
געגאָסן טרערן שטיל ביי נאַכט.
נאָר דו האָסט מיר קיין רו ניט
געגעבן אויף דיין מוטערשוים —
ער איז דאָך דיר קיין זון ניט
דער ייד, דער פרעמדער אין דיין הויז.
אַ שטיפקינד אין משפחה,
פאַרהאַלט מיך קיינער ניט מיט שטריק
און כ'פאָר אָן קיינעמס ברכה
אין פרייע לענדער זוכן גליק.
דאָרט עלנט, זיך דערמאָנען
וועט מיר דאָס לאַנד פון וואַנען כ'קום
און ס'וועט אַ זיפץ באַטאָנען
די בענקשאַפט אין מיין ניגונס ברום.
נאָר כ'וועל זיך באַלד אַ כאַפּ טאָן,
פאַרדעקן ס'פנים ווי פאַרשעמט
און זיך אין ברוסט אַ קלאַפּ טאָן:
„פאַרגעס, דאָרט ביסטו אין דער פרעמד".
דאָך ווער פון זיין זכרון
קאָן אויסמעקן, וואָס איינגעקריצט
איז פון די קינדער־יאָרן,
און ווי אין לוחות אויסגעבליצט?...
אַדיע, מיין לאַנד, מיין וויגל!
אַדיע, פרעמד לאַנד, אָן יידן־רעכט!
אַ, בלויז פון שלאָס און ריגל
אַנטלויף איך ווי פון האַר אַ קנעכט.

אַ ליד

מיט אַ זאַמען פו אַ ליד אין ווערן
אין באזעלטן שוואַנגערן געמיט,
ווי אַ פרעמדער פון אַן אַנדער שטערן,
בין איך אויף דעם ערדישן יאַריד.

כ׳גלאָץ דאָ, אַ צעחושטער, אַ צעפלאָמטער,
אויף אַ זעאונג, וואָס איז אין געדאַנק,
און מיין אויער נייג איך, אַ געשפּאַנטער,
אויפצוכאַפּן ניט קיין היגן קלאַנג.

צו דעם דינעם קלאַנג אַן איינגעהערטער,
זינג איך מיט און ס׳פּויקט מיין האַרץ פון גליק
און עס קומען אויפן צונג די ווערטער —
ריטמישע, צום טאַקט פון דער מוזיק.

אָבער, ווען ס׳איז שוין דאָס ליד געבוירן
אין דער מיט פון האַוועניש און רעש,
גייט מיר יענער דינער קלאַנג פאַרלוירן —
ס׳ליד איז פון אַ פלאַקער בלויז דער אַש.

זיי אַ קוואַל

זיי אַ קוואַל, —
זיי אין אָנהייב פֿאַרבאָרגן פֿון שטראַל —
אין אַ הייל ווי אַ בלעזל די גרייס
אַ קליין רינשטאָקל ערדישער שווייס;
זאַמל איין טריף נאָך טריף אין געהיים —
צי פֿון שטיין, צי פֿון זאַמד, צי פֿון ליים —
און ווער פֿול, און ברעך דורך דעם פֿאַרצוים,
ווער אַ שטראָם, אָבער לייטער דעם שוים,
ביז פֿון אונטער דער ערד, פֿריש און ריין,
דו אַנטפּלעקסט זיך פֿאַר גרויס און פֿאַר קליין
מיט אַ רויש, דאָך אָן רעש און געשאַל, —
זיי אַ קוואַל.

זיי אַ ווינט

זיי אַ ווינט, וואָס איז פֿריש פֿון געיעג
און ניט טוכלע, ווי לופֿט אָן באַוועג;
זיי אַ ווינט — אַ וואַנדראָווניק אַ פֿרייער
און אַ גאַסט אויף אַ ווייל, אַ פֿאַרבייער;
זיי אַ ווינט — זיי אין וואַלד און אין פֿעלד
זיי אין דאָרף און אין שטאָט, זע די וועלט:
זע די מענטשן, די חיות, די פֿייגל
מיט די קינדער פֿון גלוסט וואָס איז בלינד.
אָבער ניט ווי די שקלאַפֿן צום עגל
דינט אין טאַנץ דער צעוויכערטער ווינט.
זיי אַ ווינט, און וועט ווערן דיר שווער,
וועסטו וואַיען אין עלנט ווי ער.

דער נביא און די פּני־העיר

איר זיצט אין טויער פון דער שטאָט,
בין איך צו אייך געגאַנגען:
„איך טראָג צום פאָלק דאָס וואָרט פון גאָט".
האָט איר מיך גאָר געפאַנגען.
— „ווער ביסטו דען? איז פון דיין שטאַם
געזעסן ווער אין טויער?"
— „ניין, כ'בין פון פּראָסטן המון־עם,
מיין פאָטער איז אַ פּויער.
נאָר גאָט האָט מיר אַזוי באַפעלט:
„פאַרלאָז דיין פאָטערס רינדער.
כ'האָב מיט נבואה דיך באַזעלט
צו לערנען תשובה זינדער".
האָט איר אין תפיסה מיך פאַרשפּאַרט,
איך זאָל צום פאָלק ניט קומען,
נאָר ס'איז אומזיסט, איר זענט גענאַרט,
ווער קאָן גאָטס וואָרט פאַרשטומען?
איך ווייס ניט ווען און ווי ס'ט'געשען,
נאָר כ'האָב אין גאָט בטחון, —
די תפיסה וועט זיך עפענען,
דער שלאָס וועט זיין צעבראָכן.
און כ'וועל אין טויער פון דער שטאָט
גאָטס וואָרט נאָך לאָזן הערן
און וויינען וועט דאָס פאָלק פאַר גאָט,
צוריק צו אים זיך קערן.
נאָר, פּני פון שטאָט, דאָס איז דער סוף
צו אייער מאַכט אין טויער,
דען הייליק זענען גלייך גאָטס שאָף —
אַריסטאָקראַט צי פּויער.

זריעה

כ׳האָב די ערד צעגראָבן
און געמאַכט זי פעטער
און פאַרזייט מיין זריעה
אין אַ שיינעם וועטער.

— גוטער גאָט אין הימל,
שיק אין צייט דעם רעגן,
מיין פאַרזיי זאָל גרינען
ביי די גרויע וועגן. —

שיקט ניט גאָט קיין רעגן,
נאָר — אַ פראָסט אַ שפּעטן,
פרירן מיינע זוימען
אין די קאַלטע בעטן.

קומען ראָבן, נעמען
אויספּיקן די קערנער
במקום זיי זאָל אויפגיין
קראָפּיווע און דערנער.

טרייב איך אָפּ די ראָבן:
— איר וועט ניט באַרויבן
מיך פון מיין בטחון, —
ס׳פּרוּאווט גאָט אוים מיין גלויבן.

און מיין זריעה, וואָס איז
אַלץ ניט אויפגעגאַנגען, —
מירצושעם, איך וועל נאָך
שניידן אירע זאַנגען. —

פון פונקען אַ פלאַס

ווי די פיינד, אויך די חברים
האָבן גלייך פון מיר געשפּעט:
„רעד ניט איין זיך, גראַמען־פלעכטער,
אַז דו ביסט שוין אַ פּאָעט״.

ס׳האָט דער שונא ניט פאַרגונען
און דער פריינד האָט גוט געמיינט:
בעסער זיך ניט צוגעוואוינען,
איידער ווערן שווער אַנטוויינט. —

נאָר געוואונטשן האָבן ביידע,
אַז ס׳זאָל שטום ווערן מיין זעל,
דאָך אומזיסט איז דער יד־אחת —
כ׳האָב געזונגען און איך וועל.

און נאָך שטאַרקער וועל איך זינגען,
ביז כ׳וועל מיט געזאַנג פאַרגיין.
און זייט וויסן, אַז דעם כּוח
האָט איר אויפגעוועקט אַליין.

דען געטליעט האָבן פונקען
אינעם האַרצן פון אַ תּם,
האָט איר, ווינטן, זיי געלאָשן
און... צעבלאָזן אין אַ פלאַם.

לאָזט מיך זיין אַליין

אַוועק פון מיר! לאָזט מיך זיין אַליין!
מיט אייך — מיין האַרץ איז ווי אין ברוסט אַ שטיין
און מיין נשמה חלשט שיער פון שרעק,
אַנטלויפט אין אַ באַהעלטעניש אַוועק,
ווי פון אַ פרעמדנס בליק פאַרבאָרגט זיך באַלד
אַ ציטערדיק ווילד חיהלע אין וואַלד.

אַוועק פון מיר! לאָזט מיך זיין אַליין!
מיט אייך — בין איך אַזוי ווי איר געמיין —
אין גייסט אַן אָרעמער צוגלייך מיט אייך,
כדי איר זאָלט נישט זען ווי איך בין רייך, —
איך ווייז זיך כלומרשט נאַקעט ווי אין באָד,
כדי נאָר צו פאַרשלייערן דעם סוד.

אַוועק פון מיר, לאָזט מיך זיין אַליין! —
זיין וואָס איך בין — חוץ בלוט און פלייש און ביין —
אַ גייסט, וואָס טראַכט און טרוימט און זינגט דערפון,
אַז פון די וואָלקנס שיינט אַרויס די זון
און מיאוסקייט פאַרשטעלט ניט וואָס איז שיין.
אַוועק פון מיר! לאָזט מיך זיין אַליין!

דער חילוק

ניט שטענדיק הער איך קולות דינע,
ניט שטענדיק זע איך טיף און ווייט, —
אַ פראָש מיט פרעש אין שימלען גרינע
איך זינק מיט אייך אין יענער צייט.

דאָך צווישן אונדז איז דאָ אַ חילוק
אפילו דעמאָלט ווען איך פאַל —
איך שפרינגט אין בלאָטע גערנווילִיק
און מיר קערט איבער זיך די גאַל.

אַ תפילה

אַך, ווען אין גאָט וואָלט איך גלייבן!...*
פאַר אים אויף די קני וואָלט איך פאַלן,
די אויגן צו אים אויפגעהייבן —
די איבערגעפלאָסענע קוואַלן.

יום־כיפורדיק,ווידוידיק, הייליק
געבעטן כ׳וואָלט גאָט מיט אַ ציטער:
— ניט טייל מיר קיין גליק אויף מיין חלק,
קיין כבוד, קיין גאָלד און קיין גיטער.

געננוג איז דאָס ליד פאַרן זינגער —
דער אָפּרוף פון חושים פון שאַרפע,
דער לירישער ציטער פון פינגער,
וואָס גיבן עס איבער דער האַרפע.

נאָר ס׳ליימען די פינגער מאַזאָליעס,
די זעל טעמפּן אָפּ מי און מאַטער;
קיין שבת ניט, קודש ווי חול איז,
פאַרשטאַרט דער פאַטעישער פלאַטער.

אָ, גאָט, ניט דערלאָז מיין ירידה,
זיי מציל וואָס דו האָסט געגעבן.
אויב ניט, בעסער שטאַרבן מיט ווידוי,
ווי זיין שוין געשטאָרבן ביים לעבן.

* אין מיין יוגנט בין איך געווען אַן אַפּיקורס, אָבער כ׳האָב שוין דעמאָלט געדאָרשט צו גלייבן. מ. ז. טקאַטש.

אומרו

אַ האַלבע נאַכט האָט שוין דער דאָרף אַריינגעשלאָפן,
די הענער האָבן אָפּגעקרייט און אַלץ איז שטיל.
נאָר מיינע מידע אויגן זענען אַלץ נאָך אָפן
און ס׳הייבט מיך אויף פון בעט אַן אומרואיק געפיל.

איך שליידער זיך אין צימער, ווי אין שטייג אַ חיה.
עס קלאַפּט אַזוי מיין האַרץ, אַז ממש כ׳הער די קלעפּ.
איך לויף אין דרויסן, אפשר וועט אין ערטער פרייע
זיך איינשטילן מיין אומרו, ווי אַ פערד אין סטעפּ.

איך בין שוין ווייט, דער דאָרף פון אויג איז אַ פאַרהילטער,
אַ פעלדער־רחבות שפּרייט זיך אין לבנה־שיין.
נאָר אין דער ברוסט פאַרשלאָסן, קלאַפּט דאָס האַרץ
נאָך ווילדער,
און כ׳לויף פון פרייען פעלד אין ענגען וואַלד אַריין.

די סאָסנעס שמעקן וואויל, און ווייך — דער נאָדלען־טעפּיך;
עס טרילט דער נאַכטיגאַל, פאַרגייט זיך אין געזאַנג.
נאָר ניט כ׳פאַרנעם דעם זמר, ניט דעם ריח שעפּ איך,
איך וואַרף זיך ווי אַ ווילדע חיה אין געפאַנג.

און כ׳לויף צום טייך און מאַך אַ שיפל פאַר אַ וויגל:
— לולו, מיין האַרץ, לולו. וואָס ווילסטו, אומרו, וואָס? —
און כ׳בין מתפלל: — גאָט אין הימל, גיב מיר פליגל
און כ׳וועל אין שטורעם פליען ווי אַן אַלבאַטראָס. —

אומרוזעל

פון אומרוזעלס אָרעמס — מיין דיבוק, מיין שלאַק —
האָב איך ווי אַ פויגל פון פאַנג זיך געריסן.
פאַר וויי איז אַ טרער מיר גערונען פון באַק,
אַזוי האָט זי ווילד מיך געקושט און געביסן.

נאָר ס'האָט זי נאָך מער אויפגערייצט מיין געוויין,
זי איז פון אַזאַרט אין שגעון אַריבער,
געשטיקט ווי אַ שטיקשלאַנג אַרום מיין געביין,
געבריט מיט איר אָטעם, געשעפּטשעט אין פיבער:

„איך בין דיין באַשערטע. דו ליב מיך, ניט האַס.
איך בין דיין נשמה — דער שם אין אַ גולם,
דיין הייליקער כוח און שווערע חלאת.
כ'בין דאָס, וואָס עס צייכנט דיך אויס אין אַן עולם.

ניט וויין זשע, מיין זיווג, צו מיר דריק זיך צו.
דו ווילסט גאָר אַנטלויפן? וואו ווערסטו געפינען
אַן אָרט זיך? — ווען איך בין דיין שאָטן, כ'בין דו.
אַוואו איז דער מקלט פון זיך צו אַנטרינען?

איז ריים זיך ניט, בלייב מיט דיין איינציקן פריינד
חוץ מיר איז דאָך קיינער ביי דיר ניט געבליבן —
חברים געהאַט און וואו זענען זיי היינט?
דיין אייגן געמיט האָט פון זיי דיך פאַרטריבן.

און האָט זיך אַמאָל דיר אַ ליבע געמאָלט,
איז דאָס בלויז אַ וואונטש פון דיין
הארצן געוועזן —
האָסט ליב ניט געהאַט, נאָר געליבט זיין געוואָלט,
דיין קראַנקע נשמה זאָל ווערן גענעזן.

און מעגלעך — האָסט ליב אויף אַן אמת געהאַט,
נאָר מיך גאָר און ניט יענע מויד די פּאָרטרערטע:
איר ציטער — אין הארבסטיקן רעגן אַ בלאַט —
דערמאָנט האָט אין אומרוזעל, מיך דיין באַשערטע.

איז לויף ניט אַוועק, ווייל איך ברען דיינע טריט.
מיר וואָגלען צוזאַמען — אַ פּאָרל ציגיינער.
בלויז מיך האָסטו ליב, וואָס זשע קושסטו מיך ניט?
בלויז איך בין דיין פריינד, זאָג: אויך דו
ביסט בלויז מיינער."

און ווי אַ בלוטדאָרשטיקער וואָלף מיט געהויל
איך האָב איינגעביסן זיך אין אירע ליפּן.
ס'האָט איינער ביים צווייטן געזויגן פון מויל
און אַלץ ניט געשטילט זענען ביידע געבליבן.

דאָרשט

(פּאַטעטיש)

אַ גיהנום-פייער איז מיין האַרץ,
אַ מדבר — ס'מויל, די ליפּן — שוואַרץ,
וואוהין, מיין דאָרשט? וואוהין, מיין פלאַם?
דאָך ניט צום טייך און ניט צום ים, —
דאָס ים-וואַסער איז ליאַק און לויג;
דאָס טייכוואַסער צום טרינקען טויג,
נאָר דיך צו לעשן איז עס קנאַפּ,
ווי פאַר אַ וואַלדפייער אַ קאַפּ.
וואוהין, מיין דאָרשט? צו וועלכן שטראָם?
דו דאָרפסט אַ מבול, כאָטש — אַ תהום.

דאָרשט צו לעבן

די צייט פון טרוימען, ראַזעווע חזיונות
איז ווי אַ שיינער חלום לאַנג אַוועק.
איך האָב דערוואַכט מיט פינצטערע רעיונות
אין גרויען ליכט פון מי־טעג אָן אַ צוועק.

און ס׳האַרץ איז מיד שוין פון דער פוסטער פּראַצע
און ס׳דאָרשט אַזוי צו לעבן, אַזש ס׳טוט וויי,
ניט אָבער ווי אַ מידע בלינדע קליאַטשע
זיך טאָפּטשען אויפן טרעטראָד אין געדריי.

אָ, לעבן, לעבן!... אָבער ניט אָן גלויבן
אין גאָט, אין לייט און אין זיך אַליין,
נאָר ס׳זאָלן מיינע לידער ווי די טויבן
פון ליבע וואָרקען, וואָס איז טריי און ריין.

אָ, לעבן!... אָבער ניט אין בייז פון מענטשן,
וואָס מאָרדן זיך ווי חיות פון געוואַלד, —
אַליין וועל איך ניט קענען גומל בענטשן
בשעת אין שלאַכט אַ ברודער מיינער פאַלט.

איך קאָן ניט פלייש פון זבחי־מתים עסן
און פון דעם תּליונס בעכער טרינקען וויין.
איך האָב געפּרוּווט דעם פרידנס־טרוים פאַרגעסן,
נאָר אָן דעם חלום גייט די וואָר ניט איין.

דער שטילער טייך און די שוועלן

— ליגט באַרוט דער טייך אין בעט,
ווי ס׳וואָלט זיין וואַסער ניט געלאָפן,
און ער שלאָפט זיך פרי צי שפּעט,
סיידן ס׳לאָזט אַ ווינט ניט שלאָפן.
אפשר איז ער טויט-באַרוט?
נאָר ער גלאָצט מיט אויגן-שפּיגלען.
כאָטש טאַקע ס׳גלאָצט אַ מת, אויב מ׳טוט
אים די וויעס ניט פאַרזיגלען.
לאָז איך אויפן טייך אַ גראָז
פּרוּוון צי זיין שטראָם שטרעבט נאָך,
ווי מיט אַ פעדער ביי אַ גוסס׳ נאָז
פּרוּווט מען אויס צי ער לעבט נאָך.
יאָ, עס זשיפּעט נאָך דער טייך —
ס׳גרעזל איז אַוועקגעשוואומען,
נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז גלייך
ווי דער טויט וואָלט שוין געקומען. —

אין מיין יוגנט אויפגעפּאַסט
כ׳האָב אַזוי אַ טייך אָן וועלן
און באַוואונדערט זיין קאָנטראַסט
די צעברויזטע דניעפּר-שוועלן.
כ׳האָב די שוועלן קיינמאָל ניט
אָנגעקוקט מיט מיינע אויגן,
נאָר מיין אומרואיק געמיט
שטורעם-פויגליש איז געפלויגן —
אין מיין דמיון — מיט געזאַנג
צו די שטיינער, וואָס באַצוועקן
אָפּשטעלן דעם דניעפּערס גאַנג,
אָבער גאָר די כוחות וועקן.

יאָ, אַזוי כ׳האָב יונגערהייט
שטילקייט און גערויש באַנומען,
דאָך פון שווייגן, ניט פון רייד
איז מיר חכמה צוגעקומען.
נאָר מ׳דאַרף ניט גאָר אין גייסט זיין רייך
קלאָר זאָל ווערן פאַר אַן אַלטן:
סוד פון לעבן האַלט דער שטילער טייך
און פון טויט די שוועלן מאַכן גוואַלטן.

אַ בליץ

אַ בליץ האָט דעם הימל צעשפּאָלטן —
און ס׳האָבן די שפּאַלטן ווי פּלאַמיקע שלאַנגען
געטאָן זיך אַ צאַפּל און תיכּף פאַרגאַנגען,
ווי גאָרניט געווען.
אַ בוים, כאָטש אַפילו ס׳האָט אים אָפּגעגאָלטן
צו קריגן פון בליץ אויבערפלעכלעך אַ ברען,
וועט אָבער דער בראַנדמאַרק אליין
אויף אויפן געשווינטן געביין
שוין קיין מאָל ניט, קיין מאָל פאַרגיין.

וואָס גלייכסטו צום הימל אַ בוים?
אַ בוים איז די וואָר און דער הימל — אַ טרוים...

אויף אַ זאַמדיקן וועג

אויף אַ זאַמדיקן שטויביקן וועג,
מיט וועלבעס באַזעצט ביי די זייטן,
איך שלעפּ זיך אין האַרבסטיקע טעג
און קוק אויף די פעלדישע וויטן.

דער וועלק מיט זיין זיגל פון וואַקס
האָט געל אָפּגעשטעמפּלט דאָס גרינע
און ווי אין תּכריכים פון פלאַקס
טויט אָן עס די האַרבסט-פּאַוועטינע.

אַרום איז אַ וויסט אָן אַ סוף:
וואו תּבואה געוועזן, איז דאָרטן
בלויז סטערנע, און ס׳פּאַשען זיך שאָף,
וואו פריער געבליט האָט אַ גאָרטן.

בלויז וויט, וואו די וויט לאָזט זיך אויס,
געבויגטע דו זעסט סילועטן —
דאָרט גראָבט מען קאַרטאָפל אַרויס,
וואָס שלאָפט נאָך אין ערדענע בעטן.

אָט דאָס איז די לאַנדשאַפט און גאָר...
נאָר פלוצעם דערהער איך אַ טאָפּטשען.
כ׳קוק אום זיך — ס׳טרייבט אָקסן אַ פּאָר
אַ באָרוועס קליין יינגל, אַ „כלאָפּטשיק".

איך גריס אים: גאָט העלף!" כ׳פרעג אים: „וואוהין?"
ער פירט ניט קיין שמועס קיין לאַנגן,
ווייזט נאָר מיטן פינגער: אַהין;
די אָקסן אַ שמיץ און — געגאַנגען!

אין וואַלד

ווייט פון שטאָטישן טומל, אַנטשפּאַנט,
דאָ אין וואַלד מיין נשמה באַניי איך —
אַזוי פריש איז און קלאָר מיין פאַרשטאַנד,
מיין באַפליגלטער טרוים אַזוי פריי איז.

איך ליג וואַך אויפן טעפּיך פון גראָז
און אַרום בונטע קווייטעלעך בליען
און זיי דרייען זיך פון ווינטעלעס בלאָז,
ווי זיי וואָלטן מיין אויפמערקזיין ציען.

און זיי ווינקען מיט אויגן פון טוי,
און זיי שושקען מיט בליטלעך און בלעטלעך,
אַז מיר דאַכט — זיי דערציילן אַזוי
מיר אַ וואַלדישע מעשה מיט שרעטלעך.

אָט אַ בין איז אַריין אין אַ קווייט
און די קווייט טוט פון שמחה אַ ציטער, —
עס איז האָניק צו גיבן אַ פרייד
פאַר דעם יעניקן, וואָס איז ניט ביטער.

אָט אַ מערעשקע זוכט מיט איר פליים
עפּעס-וואָס פאַרן וואויל פון מוראַשניק,
און געפינט זי אַ זאַך, וואָס איז שפּייז,
איז פאַר איר קיין שום משא צו לאַסט ניט.

און פון אויבן, הויך איבערן קאָפּ —
אַ מוזיק פון סימפאָניעס שענער, —
ס'זינגען פייגל אָן נאָטן, אָן טראָפּ,
נאָר געבוירענע קינסטלער און קענער.

און איך ווייס דעם מאָטיוו פון געזאַנג
ביי די פייגל נאָך מער ווי ביי מענטשן:
ס'איז אַ הייליק געפיל פון באַדאַנק,
יאָ, ס'איז מאַכן אַ ברכה, ס'איז בענטשן.

דער ים אין ווינט און זון

ווי ס׳בלענדט דער ים דער זון אַנטקעגן!
קאָנסט ווערן בלינד פון צופיל שײַן, —
ווי זון וואָלט דימענטן גערעגנט
אין ים פון זילבערשמעלץ אַריין.

און קוק ווי ס׳וואַקסן בערג פון גריבער
און גריבער ווערן פון די בערג!
עס קערן זיך די כוואַליעס איבער
ווי קונצנמאַכער אויף די מערק.

און זע די שפיצן, וואָס די כוואַליעס
פון פינגע האָבן אויסגעוועבט!
די שפיצן הייבן זיך און פאַלן
ווי אויף אַ ברוסט, וואָס אָטעמט, לעבט.

געוויס, דער ים לעבט אויף אַן אמת,
מיט חושים שאַרפע איז ער וואַך —
אַז ס׳בלאָזט אַ ווינטעלע אויף כלומרשט,
נעמט צוקן באַלד זיין אייבערפלאַך.

אַצינדער איז דער ים באַגייסטערט
פון ווינט און זונשיין אויף אַ מאָל
און זיין באַגייסטערונג באַווייזט ער
אין גלאַנץ, אין טאַנץ און פרייד בקול.

זיין רוישן איז אַ כאָר פון שטימען
מיט פויק און טאַצן אין באַגלייט,
אַן ווערטער דונערט ער אַ הימען,
אַ הלל צו דער לעבנספרייד.

אין פּאַרק

אויסגעטאָן דעם הילוך פונעם ברודנעם פּאַך,
זיץ איך אויף אַ סקאַלע אונטער גרינעם סכך
און אין וואַסער־שפּיגל, וואָס ביי מיר צופוסן,
פלעכטן זיך די ביימער, האַלדזן זיך און קושן.

אונטן — ווי פון אויבן: שטאַמען, צווייגן, בלעטער, —
צווישן זיי גאָטס אויגן זשמורען זיך אין עטער.
שטיל אַרום, נאָר ווי פון מענטשן אַ געהילך
טראָגט זיך פון קאַסקאַדל, וואָס איז ווייס ווי מילך.

און אַ פרייער פויגל טרילערט אויף אַ צווייג, —
טרילערט ער פאַר גליק וואָס ער איז ניט אין שטייג?
פויגל־פריי אויך איך בין, כאָטש אַ קנעכט פאַרקויפטער, —
כ׳בין אַ קנעכט אַזאַ מין, וואָס פון האַר אַנטלויפט ער.

אָט כ׳בין גאָר אַ קיסר, און ניט בלויז אין גייסט:
אַז איך האָב אַ טראָן, מיין פעלדזן־שטול באַווייזט,
און אַ קרוין — אָן עדות איז דער קראַנץ פון צווייגלעך,
און אַ סצעפּטער איז מיין בלייער איבערצייגלעך.

יאָ, אַ קיסר... נאָר אַליין פאַרזוכט דעם יאָך,
ווי די אָבות מיינע אין מצרים נאָך,
האָב איך ניט קיין אונטערטאַנען צו פאַריאָכן,
וואָרן מענטשן זענען ברידער, אַלע — מלכים.

דער זונדינער

לעשט זיך אויס דער מאָרגן־שטערן,
וואָס דעם זון־גאָט לויפט פאָרויס,
נעמט שוין ליכטיקער צו ווערן
איידער נאָך ער קומט אַרויס.

אויף אַ באַרג אַרויפגעקראָכן,
וואָס אים בענטשט דער ערשטער שטראַל,
זינגט דער זונדינער שוין שבחים
צו זיין גאָט, פון ליכט דער קוואַל.

ווי די פייגל זינגט ער שירה
און זאָגט אָן אַז גאָט איז נאָענט,
ווי די פורפורנע קאָלירן
אויפן מזרח־האָריזאָנט.

ווען די פאַרבן זיך צעפליסן,
בלייכן קעגן ליכט, וואָס קוואַלט,
הייבט ער אויף די הענט צו גריסן,
גריסט און אויף זיין פנים פאַלט.

אין אַ שטראַלנקרייז — אַ קאַפשיין —
ווייזט זיך אַ שפּיצקאָפּ, וואָס גליט,
קושט דער מענטש גאָטס ערשטן אָפּשיין
אויף דער באַרגערד, וואו ער קניט.

שטעלט זיך אויף, — די אויגן גלאַנצן,
גליקזעליק דאָס פנים קוועלט,
ווי זיין גאָט, אַנטפּלעקט אין גאַנצן,
שמייכלט וואַרעם צו דער וועלט.

שלאָפט די נאַכט צי ניט

הימל, ערד — פאַרהאַנגען
מיט אַ דאַמף פון טוי.
שטיל אַזוי, נאָר קלאַנגען
הערן זיך געניי.

קאָן די נאַכט ניט שלאָפן,
צו זי רעדט פון שלאָף?
ס׳איז איר אויג ניט אָפן,
נאָר ס׳איז גלייך ווי אויף.

די קאַפעליע גרילן
שפּילט שוין שטונדן-לאַנג,
הערט ניט אויף צו שפּילן
איין און זעלבן קלאַנג.

ס׳טייכל איבער שטיינער
מורמלט אַלץ און קלאָגט,
ווי אַ קינד אַ וויינער,
וואָס זיין מאַמען פּלאָגט.

גרוילִיק גרילצט די סאָווע
ערגעץ גאָר ניט ווייט
און דער האָן דער נביא
קרייט פון וועטערבייט.

ס׳נאַכט-אויג איז ניט אָפן,
נאָר ס׳איז גלייך ווי אויף.
קאָן די נאַכט ניט שלאָפן,
צי זי רעדט פון שלאָף?

אַ געשיכטע

געווען איז ער אַליין און מיד,
שוין מיד אין זיינע יונגע יאָרן,
און זי — אַ וויאָלער קנאָספּ פון צווייַט,
וואָס איז צעפּוקעט ניט געוואָרן.

און ס'האָט די פּאָר באַגעגנט זיך —
חברים אין געמיט שוין אַלטע —
און ס'זענען טעג געפלויגן גיך,
און ליבע האָט געטרוימט באַהאַלטן —

אַ צאַרטן חלום אָן באַשייד
און ווי אַ מעשה פול מיט נסים.
מען האָט עס ניט דערמאָנט מיט רייד,
מיט צערטלען ניט געלאָזט צו וויסן.

נאָר ווען ניט ווען האָט בליק צו בליק
פאַרטרויט אַ סוד — פאַר בלויז זייביידן,
נאָר זיך געכאַפּט, איז באַלד צוריק
געקלונגען אָן געפיל דאָס ריידן, —

ווי דאָס, וואָס צאַרט און דעליקאַט,
זיי וואָלטן זיך געהיט באַרירן;
ווי מורא פאַר דער וואָר געהאַט
דעם שיינעם חלום צו פאַרלירן.

אַזוי דעם זומערלעב פאַרבראַכט,
נאָר ס'קומט דער האַרבסט מיט אָוונט-קעלטן
און אונדזער פאָר אין פאַרק פאַרנאַכט
זיצט אויפן גראָז דעם שוין פאַרגעלטן.

סטאַטעטשנע זיצן זיי ווי פרעמד
און אַ געשפּרעך אַ קאַלטן פירן,
נאָר האַרץ צו האַרץ פון אונטערן העמד
שלאָגט הייסע כוואַליעס, ניט צו פרירן.

און ס׳קוקן זיך די אויגן אָן
דורך דאַמף פון זידנדיקע טרערן
און מיט אַ קרעכצנדיקן טאָן
האָט ליבעס קול געלאָזט זיך הערן.

און באַלד פאַרשטאַנען האָט די פּאָר,
אַז ס׳האָט דאָס קול פאַטאַל געקלונגען —
דער חלום קאָן ניט ווערן וואָר
און מער ניט וואַרעמען מיט פונקען.

דאָס האַרץ איז שוין צעבראָכן לאַנג,
רינט אוים די ליבע דורך די לעכער —
זיי קאָנען דאַרשטן איר געטראַנק,
אָבער — ניט אויסטרינקען איר בעכער.

ניט־געוואונטשטע געפילן

פאַראַן ניט-געוואונטשטע
געפילן ווי קינדער
פון זונדיקער ליבע,
פון ליידנשאַפט בלינדער.

זיי ווערן געבוירן
געזונט און געראָטן,
ס׳איז אָבער דער מאַמען
דער נחת פאַרבאָטן.

די זעל איז די מאַמע,
וואָס וויגט זיי און דריקט זיי
פאַרצווייפלט צום האַרצן, —
דריקט-צו און דערשטיקט זיי.

אין באַן

ביסט געפאָרן מיט אַ בחור
און אַליין געוועזן;
כ׳בין געפאָרן מיט אַ מיידל,
נאָר כ׳האָב דיך דערזען.

בליק מיט בליק האָט זיך באַגעגנט
און זיך באַלד דערקענט,
ווי אַ מאָל זיך שוין געהאַלטן
צערטלעך ביי די הענט, —

געהאָלובעט זיך — אין חלום,
אויב ניט אויף דער וואָר.
אפשר זענען מיר א זיווג, —
יאָ, פון גאָט אַ פּאָר?

נאָר די באַן איז אָנגעקומען, —
אוי, זי לויפט צו גיך! —
און דו האָסט באַגלייט דיין בחור
און מיין מיידל — איך.

אַ וואָלקן

כ׳בין אַ וואָלקן פול מיט רעגן
פעלדער, סעדער צו באַגיסן.
לאָז איך ניט אַרוים די שפע,
קאָן איך ווערן אויפגעריסן.

דו, מיין שפע צו פאַרדאַנקען,
ביסט אַ בליענדיקע געגנט,
נאָר ניט נעם זיך איבער, מיידל;
וואָס גראָד דיך באַגיסט מיין רעגן.

כ׳בין אַ וואָלקן פול מיט רעגן,
קומט די צייט אים אויסצוגיסן,
מאַכט ניט אויס אויף וואָסער געגנט
וועט מיין פולקייט איבערפליסן.

אַ טיכעלע

איך שטעק אַריין אין קעשענע די האַנט
אַרויסנעמען אַ לידער-ביכעלע,
דערפיל איך חוץ דער האַרטקייט פונעם באַנד
אַ ליבע ווייכקייט פון אַ טיכעלע.

גיט באַלד מיין בלוט אַ שלאָג ווי אַ פאָנטאַן
און ס׳וויל דאָס האַרץ פון ברוסט אַרויסשפרינגען —
ס׳איז אויף דער וועלט געטריישאַפט נאָך פאַראַן,
איך וועל התלהבותדיק דאָס אויסזינגען.

איך נעם אַרויס דאָס טיכעלע דערפריידט
און כוויים שוין ווער ס׳איז מיין פאַרזאָרגערין —
הגם דיין נאָמען איז ניט אויסגענייט,
דיין דופט דערשפיר איך דאָך, פאַרבאָרגענע!

עצבות

געפילן פון עצבות ווי צוואַנגען
מטורפדיק פייניקן, קלעמען,
און ס׳לעבן... ס׳איז פול מיט געלאַך:
דער הימל איז טיף — ניט פאַרהאַנגען,
צו גאַפן און וועלן באַנעמען
אין ליכט פון אַ זוניקן טאָג.

און אויך אונדזער ערד ניט אָן רייץ איז —
אַ גאָרטן מיטביימער פון וויסן
פאַר דעם, וואָס בראשיתדיק זעט.
נאָר איך גיב אַ קוועטש מיט די פּלייצעס —
אַפּאַטיש בין איך צי פאַרביסן?
צי כ׳קום פון אַן אַנדער פּלאַנעט?

ניי־יאָר

האָבן דורכגעשווינדלט
שוין די צוועלף מאָנאַטן.
טראַכט איך: יום-טוב מאַכן
אפשר וואָלט ניט שאַטן.
כ׳האָב ניט וואָס פאַרלירן,
טו איך זיך די טובה.
קויף איך מיר אַ סידור,
ליכט און אַ מצבה.
כ׳שטעל דעם שטיין צו מערב,
וואו די טעג פאַרגייען,
צינד די ליכט, דעם סידור
עפן איך און לייען:
„יתגדל ויתקדש...
יזכור נשמת... אמן״.
מענטשן רופן: ניי-יאָר,
יאָרצייט איז דער נאָמען.

די טעג פון יסורים פֿאַרשעלט ניט

די טעג פון יסורים פֿאַרשעלט ניט פֿאַרביטערט,
ווען איבערגעלאָדן און איבערגעשפּאַנט
דיין האַרף האָט ווי דוד המלכס געציטערט
מיט לירישע קלאַנגען אַליין, אָן אַ האַנט.

זאָל זיין ס'האָט דיין ברוסט זיך געשטיקט אין אַ קלעם
און ס'האַרץ דיינס האָט שיער ניט געחלשט פֿאַרמאַטערט,
נאָר וועסטו אַמאָל זיך דערמאָנען אין דעם,
דערמאָנען זיך וועסטו מיט הייליקן פֿלאַטער.

מיט וואַרעמע טרערן וועט פֿינקלען דיין בליק,
אַנטקעגן דעם אָנדענק דאָס האַרץ דיינס וועט שפּרינגען
און ס'וועט אויף דיין האַרף די יסורים־מוזיק
ווי תהילים פון דוד המלכן קלינגען.

אויב שעלטן, איז שעלט יענע טעג, ווען ס'איז שטיל,
ווען קאָנטעט דו שלאָפֿסט אָן חלומות, אָן טרוימען —
אין קאָפּ קיין געדאַנק ניט, אין האַרץ קיין געפֿיל,
ווי וואָלסט ניט געלעבט, נאָר געווען אַ דומם.

פון טעג ניט געלעבטע וואָס בלייבט צו געדענקען?
עס בלייבט ניט אַפֿילו קיין חלום פון שלאָף.
ווען טרערן די אויגן פֿאַרשלאָפֿענע שווענקען,
נעם אָן פֿאַר אַ חסד און ניט פֿאַר קיין שטראָף.

פרישע לופט

1

דאָס שטיבל — איין חדר, פיר איילן אויף פיר;
פאַרקייטלט די פענצטער, פאַרריגלט די טיר;
אַ ביטערער רויך, ווי אַ גאַזיקער סם;
עס זינקט און עס לעשט זיך פון לעמפל דער פלאַם;
די סטעליע פאַרסאַזשעט, פאַרשימלט די ווענט.
פון שטערן רינט שוויים און דאָס פנים ברענט.
ניט גייט צו קיין זנאַכער, קיין דאָקטער ניט רופט,
נאָר עפנט אַ פענצטער און שעפּט פרישע לופט!

2

אַז איר עפנט ניט קיין פענצטער,
לופטערט אייער שטוב ניט אויס,
קאָן איך ניט דעם אָטעם כאַפּן,
קלייב איך זיך פון אייך אַרויס.
זייט געזונט! און זיצט אין תפיסה
(זיך אַריינגעזעצט אַליין),
איך וועל גיין אין פרייע פעלדער,
וואו די לופט איז פריש און ריין.
דאָרטן וועל איך לופטיק וואוינען
אין אַן אָפענעם געצעלט —
בלויז צו זיין באַשיצט פון רעגן
און פון שטורעם זיין פאַרשטעלט.
נאָר וועט זיין אַ שיינער וועטער
דאַרף איך אויך ניט דעם געצעלט —
ס'וועט דער ווינט מיר שעפּטשען גרוסן
פון דער גאַנצער גרויסער וועלט.

3

אויף דער זון וועל איך זיך ברענען
לעשן זיך ביים שטערנשיין,
ביז די קעלטן וועלן קומען,
כ'וועל פאַרהאַרטעוועט שוין זיין,

ווי די פייגל פון אַ גאַנץ יאָר,
ווי די חיהלעך אין פעלד,
ניט ווי די, וואָס שלאָפן ווינטער —
איך וויל וואַך זיין אויך אין קעלט.
ווינטער איז די לופט נאָך ריינער —
ריינער דיסטילירטער ספירט,
וועקט די כוחות אין דעם וואַכן
און פאַרשלעפערט דעם, וואָס פרירט.
פרירסטו, שלאָף ניט איין אין דרויסן,
וועסט ניט אויפשטיין שוין פון שלאָף.
שלאָף אין שטוב, אַן איינגעדעקטער,
אָבער מאַך אַ פענצטער אויף!

4

ווייסע רחבותדיקע פעלדער
שימערירן אויף דער זון.
מיטן פרייען ווינט צוזאַמען
מונטער וואַנדער איך אַרום.
פריילעך פייף איך מיט די ליפּן,
שפּאַן מיר ריטמיש, פעסט און פריש
און צום טאַקט דער שניי, אַ שטייפער,
סקריפּעט אונטער מיינע פיס.
אויף די בראשיתדיקע פעלדער
מיינער איז דער ערשטער טראָט
און די פרישע לופט, וואָס כ׳אָטעם,
איז דער לעצטער הויך פון גאָט.

געגעזעגנונג

1

די יונגע זון האָט זיך צעוואַרעמט
און שמעלצט דעם גרויען פראָסט,
און אויך אין מיינע כריפּלע לונגען
די קעלט האָט אָפּגעלאָזט.

איך הוסט אַרויס, וואָס ס'האָט פאַרשטאָפּט זיי,
און כ'אָטעם ווידער פריי,
ווי פונעם אייז ס'באַפרייטע וואַסער
פליסט אומגעשטערט אויפסניי.

2

און ווידער רופט צום האַרץ די לוסט —
אַ כאַר אַנצאָליקער,
און ווידער ענטפערט עס אין ברוסט
דער ווידערקוליקער.

און ווידער ווי פרוזשינעס שטייף
די גלידער בייגן זיך,
און ווידער פריילעך אין אַ פייף
די ליפּן לייגן זיך.

3

אַז די כוחות
האָבן מוחות,
איז ניט ווילד די פרייד, —
כ'שפּאַן מיר מונטער,
פייף מיר אונטער,
גלייך ווי אויף אַ פליט.

ליכטיק, בלענדיק,
מער ווי שטענדיק
אויף דער גאַס איז היינט —
אויך אַ פייער
דער זון צושטייער
ברענט אין מיר און שיינט.

שמייכלען מיידן,
גליקן, פריידן
זאָגן צו פאַר מיר.
כ׳שפּאַן מיר מונטער,
פייף מיר אונטער:
„כ׳בין אָן זיי אַ גביר״.

לידער ווי גלידער

אַ ליד, אַ ליד און נאָך אַ ליד —
איז דאָ אַ מיין דערינגען?
אַוודאי, קינד, געוויס, מיין קינד,
איז דאָ אין דעם אַ זינען.

אַ ליד, מיין קינד, איז ווי אַ גליד, —
יאָ, לידער גלייך ווי גלידער.
אַן איינציק ליד איז בלויז איין גליד,
דערפאַר אַזויפיל לידער.

אַ ליד — אַ נאָז, אַ ליד — אַ באַק,
אַ ליד — אַן אויג, אַ שטערן.
שטעל ליד צו ליד, ווי גליד צו גליד
און ס׳וועט אַ פּנים ווערן.

ווידעראַנאַנד

ווי פּראַכטפול איז דאָס לעבן!
ווי מיא׳ם!
ווי ביטער איז דאָס לעבן!
ווי זיס!
ווי פריידיק איז דאָס לעבן!
ווי טריב!
איך האָב אי פיינט דאָס לעבן,
אי ליב.

שוואַרץ און ווייס

דער נאַכטיקער ים איז אַ שוואַרצער,
דער שוואַרצער שיקט ווייסקייט אַרוים:
וואָס שוואַרצער דער ים איז, אַלץ ווייסער
דער שוים אויף די כוואַליעס זעט אוים.

עס קאָלערט זיך כוואַליע אויף כוואַליע
און שוים ראָלט אויף שוים אין געיעג,
צעוויקלט ווי פריד־ווייסע פענער,
וואָס ווערן צעריסן ביים ברעג,

ווי ס׳וואָלט זיי דער פיינד אין זיין שנאה
אויף צויטן און פעדעם צעפּליקט.
נאָר ווידער קאַסקאַדן מיט ווייסקייט
דער ים דער שוואַרץ־נאַכטיקער שיקט.

אַפּגעבּרענט די פליגעלעך

קינדער־ליד

אַ זאָרגלאָזער פלאַטערל בין איך געווען,
אַן אומגליק, אַן אומגליק מיט מיר איז געשען.

אַ גאָלדן שיין פייערל האָב איך דערזען,
געטאַנצט אַרום פייערל איין מאָל און צען.

נאָר פּלוצים די פליגעלעך גיבן אַ ברען —
אַן אומגליק, אַן אומגליק מיט מיר איז געשען.

*

די פליגעלעך אָפּגעבּערנט,
געפאַלן אין מיסט,
איך פּאָכע און מאַטער זיך
צו פליען אומזיסט.

געווען אַ שיין פלאַטערל,
אַ וואָרעם אַצינד.
צעטרעט מיך ניט, דורכגייער!
אוי וויי מיר און ווינד.

פּאָעמע

פייגעלעך

I

שאָקלט שטורעמווינט דעם בוים
מיט די נעסטן־וויגלען,
פאַלן קליינע פייגעלעך,
נעבעך, נאָך אָן פליגלען;

נאָך מיט בלינדע אויגעלעך
און מיט הוילע גופים,
פּישטשען, שרייען פון דער ערד,
טאַטע־מאַמע רופן.

טאַטע־מאַמע זיינען וואו?
ביי דער קאַץ אין בייכל?
ווי, פון די יתומימלעך
מאַכט זי אויך אַ מאכל.

מענטשן גייען זיי פאַרביי
און עס זאָרגט נישט קיינער,
איך אליין נאָר שטעל זיך אָפּ —
איך אליין אַ קליינער.

הייב איך אויף די פייגעלעך
מיט אַ האַנט אַ גרינגער
און דעם הארצקלאַפּ זייערן
פיל איך אין די פינגער.

כ'לייג אין בוזעם זיי אריין,
אַז ס'זאָל זיין זיי וואַרעם
און צעחושט איך לויף אהיים,
אָבער כ'קום — אָן ליאַרעם.

II

איך בין נאָך אַ יִינגעלע,
נאָר איך ווייס באַצייטנס,
אַז אַ כשר יִדיש קינד
שפּילט זיך ניט ביי לייטן —

מיט קיין קעץ און מיט קיין הינט,
אָפּגערעדט — חזירים.
אָבער פרעגט זיך: פייגעלעך
זיינען אויך אין חרם?

בעסער ניט צו ליאַרעמען,
אַזוי לאַנג ס'אַ שאלה.
האָדעווע די פייגעלעך
שטילערהייט דערווייל.

איך צעקיי אַ שטיקל ברויט,
גיב עס צו די קליינע,
עפענען זיי שנעבעלעך
ווי די „הלעיטני".

טרינקען גיב איך זיי פון מויל,
זייגן זיי און שלינגען,
וואַקסן ביי זיי פעדערן,
באַלד — זיי וועלן זינגען.

III

פייגעלעך, נאָר פייגעלעך,
פייגעלעך — מיין לעבן!
איז דער טאַטע אויף מיר בייז,
שרייט אַז כ׳דאַרף אַ רבין —

אַזאַ רבין, וועלכער שמייסט
מיט אַ קאַנטשיק, זאָגט ער,
און מיט שמיץ פון קאָפ אַרויס
דעם מאַנקאָל פאַריאָגט ער.

יאָ, אַ קליפה זיצט אין מיר.
כ׳וויים עס, אָבער, ליידער,
פון די פייגעלעך געשיידט,
איך אַנטלויף פון חדר.

IV

האָט דער טאַטע איינגעזען,
אַז איך בין אַן עקשן
און דערפון וועט נעמען נאָך
צייט אַרויסצוואַקסן.

בלאָזט זיך אַ געשוויר, ניט שטעך,
ס׳פּלאַצט אַליין דער בלאָטער —
אָבער אָפּגעפרעמדט ער זאָגט:
„איך בין ניט דיין פאָטער".

אויך דערווייטערטע פון מיר,
עלעהיי כ׳בין טמא,
שוועסטער, ברידער רופן מיך:
„פייגלשע נשמה".

נאָר די מאַמע שטעלט זיך איין:
„הערט שוין אויף אים יאָדען!
איר באַגייט זיך מיטן קינד,
ווי ער וואָלט זיך שמדן.

זעט איר נישט — ער ליידט אַליין?
ווייַ איז צו דער מאַמען!
ווער ס'האָט גאָט אין הארצן, ער
וועט אים ניט פאַרדאַמען".

V

קוקט די מאַמע, קוקט אויף מיר,
אין די אויגן טרערן,
און זי זאָגט צו מיר אזוי
מיט אַ זיפץ אַ שווערן:

„קינד מיינס, קינד מיינס, אַ ווייך האַרץ
האָב איך דיר געגעבן —
אוי, דעם גוטן איז דאָך שווער,
שווער, אוי, שווער צו לעבן".

— „מאַמע, ניין, ס'איז ניט אַזוי.
אמת, שווערלעך איז מיר,
נאָר כ'האָב נחת פון מיין מי,
ס'גייט שוין ווי אַ מזמור:

ס'וואַקסן מיינע פייגעלעך,
שוין באַפעדערט זענען —
ווי מען זעט ניט, וועלן זיי
באַלד אויך פליען קענען.

און זיי וועלן זינגען באַלד,
קלינגען ווי די גלעקלעך...
וואָס־זשע וויינסטו, מאַמעניו,
אַז דיין קינד איז גליקלעך?"

נאָר זי שאָקלט מיטן קאָפּ,
טרערן גיסט ווי וואַסער:
„קינד מיינס, וואָס־זשע גייסטו איין —
דו זעסט אוים אַלץ בלאַסער?"

VI

עסט און טרינקט איך, פייגעלעך,
זאָל איך וואויל באַקומען.
כ'וועל דערציילן איך אַוואו
איך האָב עס גענומען.

אָט־די ברעקלעך וואָס איר פּיקט
איז פון מויל מיין ביסן,
פון מיין מאָלצייט אָפּגעשפּאָרט,
קיינער זאָל ניט וויסן.

און דאָס וואַסער וואָס איר טרינקט,
פייגעלעך — מיין לעבן,
איז ניט פּשוט, ס'איז צו דעם
עפּעס צוגעגעבן.

ווען פאַר מיינע פייגעלעך,
וואָס כ׳זע צו און קעכל,
האָב איך וואַסער אָנגעשעפּט
אין אַ ראָסטיק בלעכל,

האָבן מיר אַ שלאָג געטאָן
פון די אויגן קוואַלן,
זענען מיינע טרערן אויך
אינעם בלעך געפאַלן.

טרערן טרינקט איר, פייגעלעך,
כ׳טרינק אייך אָן מיט טרערן,
ווען איר׳ט זינגען, וועט די וועלט
מיין געוויין דערהערן.

דערציילונג

דער שטילער יתום

אין בית־מדרש דאַוונט מען מנחה.

אָפּגעזונדערט פון עולם, שטייט ביים פענצטער דער קליי־נער זאַלמעלע און מיט גרויסער כוונה זאָגט ער פון סידור די אים גוט־באַקענטע תפילות. ער קען זיי אויך אויף אויסנ־ווייניק, נאָר אין פאָרכט טאָמער לאָזט ער אויס עפּעס פון די הייליקע ווערטער, דאַוונט ער פון סידור. ניט אַלץ פון דער „עברי", וואָס ער זאָגט, ווייס ער דעם טייטש דערפון, נאָר אין זיין פייערלעכן תפילהדיקן געמיט רעדט ער אַרויס מיט אַזאַ כוונה אויך די שווערע אומפאַרשטענדלעכע ווער־טער, ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט זיינע אייגענע טיפסטע געפילן. און אַפילו אַ געוויינטלעך פשוט וואָרט, וואָס ער האָט, ניט געקוקט אויף זיינע קינדערישע יאָרן, שוין וויפל מאָל איבערגעחזרט, באַקומט איצט אַ נייעם זינען און זאָגט אים זייער אַ סך.

זאַלמעלע ווייס ניט וואָס מיט אים קומט פאָר, נאָר ס'איז אים אַזוי גוט, אַזוי טרויעריק־גוט, אַזש די אויגן פאַר־נעפּלען זיך מיט אַ וואַרעמען דאַמף פון טרערן. ער פילט אַז איצט איז די שעה פון רחמים און אַז זיין תפילה גייט אַרויף גלייך אין הימל אַריין, וואו עס שוועבט אַרום די נשמה פון זיין מאַמען, נאָך וועמען ער וועט נאָכן דאַוונען זאָגן קדיש.

מען איז געשטאַנען קדושה און דער חזן זאָגט ווייטער אויפן קול די שמונה־עשרה. האָט זאַלמעלע זיך אָנגעלענט מיט די עלענבויגנס אויפן ברעט פון פענצטער און מיט ניט־קינדיש־פאַרטראַכטע אויגן אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

דאָרטן ווייט וואו דער הימל בייגט זיך איין און גיסט זיך צונויף מיט דער ערד, דער ראָד פון דער ווינטערזון, אַ גרויסער, אַ בלוטיק־רויטער, פאַמעלעך, פאַמעלעך זינקט איין אין דער ערד. די שנייאיקע וויסטעניש ברענט פון זונס אָפּשטראַל און מיניעט זיך מיט רעגנבויגנדיקע פאַרבן.

די לאַנדשאַפט דורכן פענצטער האָט פאַר זאַלמעלעס אויגן זיך געשטרעקט ווייט און ברייט, ווייל דער בית־מדרש איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. האָט ער פון ווייטן געזען אַ

וועלדל, אַ באַפּעדערטן מיט שניי, ווי מיט געגדזענעם פּוך. דורך יענעם וועלדל, ווייס ער, פליסט אַ טייכל, וואָס איז איצט באַדעקט מיט אייז. אויף יענער זייט וועלדל איז אַ פעלד, נאָכן פעלד — כאַטעס און נאָך די כאַטעס איז דער בית־עולם.

ער ווייס עס, ווייל היינט אינדערפרי איז ער די ערטער דורכגעפאָרן אויפן וועג צום בית־עולם, וואוהין ער מיט זיין עלטערן ברודער האָבן געבראַכט אַ קליין הילצערן שטי־בעלע — אַ מצבה אויף דער מאַמעס קבר.

אים איז געווען אַזוי טרויעריק דאָרטן, ווען ער איז געשטאַנען ביים בערגל ערד אויסגעמישטער מיט שניי. אָט־דאָ אונטער דעם בערגל ליגט זיין מאַמע? זיין מאַמע, וואָס האָט אים געקעכלט און גערופן „קדיש מיינער, קדיש מײ־נער"? ער האָט שטומערהייט געפרעגט מיט די אויגן זיין עלטערן ברודער, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און ווען יענער האָט דערפילט זיין בליק אויף זיך און אים אָנגעקוקט, האָט זאַלמעלע אויף זיין פּנים איבערגעלייענט דעם ענטפער: „יאָ, אָט־דאָ".

אַזוי... די מאַמע איז באַגראָבן... ער איז אַ יתום און דאַרף זאָגן נאָך איר קדיש. ווען ער זאָגט קדיש, ווערט דע־מאָלט דער מאַמען אין איר פינצטערן קבר ליכטיק ווי ביי־טאָג. אָ, ער וועט דריי מאָל אַ טאָג גיין אין בית־מדרש צו זאָגן קדיש, ער וועט דאָס ניט פאַרפעלן! זיין מאַמען וועט ליכטיק זיין אין קבר און זי וועט זיך פאַר גאָט באַמיען אַז ער זאָל איר יתום ניט פאַרלאָזן...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם. באַלד וועט מען ענדיקן דאָס דאַווענען, וועט ער זאָגן קדיש.

נאָר וואָס איז מיט אים? זיין שוואַרץ־חנעוודיק פּנימל איז בלאַס געוואָרן. איבער אַלע זיינע אברים לויפט אַ שוידער ווי אַן אייזיקער שטראָם. דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי, קלאַפּט ווי ס'וואָלט וועלן אַרויסשפּרינגען פון ברוסט. ס'פאַרכאַפּט אים דער אָטעם. וואָס איז דאָס — מורא?

(זאַלמעלען איז באַפאַלן די מורא פונעם שעמעוודיקן, וואָס די חז"ל האָבן אָנגערופן „אימתא־דציבורא" — פאָרכט ביים אויפטרעטן פאַר אַן עולם).

וואָס האָט ער מורא צו האָבן? — האָט ער צו זיך אַליין געטענהעט: קען ער ניט דעם קדיש אויף אויסנווייניק בעסער פון יענע חוצפהדיקע יתומים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע ערטער ביי דער מזרח־וואַנט און ווינקען מיט די פאַרשייטע אויגן, רייצן זיך מיט די חברים, וואָס שטייען הינטער זיי אויף ערגערע ערטער? זיי קענען דאָך קוים־קוים „עברי״, און ער ווייס דאָך אַפילו דעם טייטש פון ניט קיין קליינער צאָל לשון־קודשדיקע ווערטער. וואָס זשע ציטערט ער? ער וועט זיי ווייזן ווי ער וועט אָפּקנאַקן אַ קדיש הילכיק און קלאָר, אַז מ'זאָל הערן און ענטפערן „אָמן״, און ניט שלינגען די ווערטער ווי זיי.

נאָר עס לאָזט אים ניט אָפּ די אָנגעפאַלענע מורא און וואָס מער עס דערנעענטערט זיך דאָס דאַווענען צום סוף, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האַמערט זיין האַרץ און ס'וואַרפט זיך זיין גוף ווי אין קדחת.

אָט האָט דער חזן פאַרענדיקט מיט די לעצטע ווערטער „אדושם אחד ושמו אחד״ און אין בית־מדרש האָבן זיך צע־קלונגען, איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, די הילכיקע קינדערשע קולות.

זאַלמעלע האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן, עס זאָל ניט אַזוי האַמערן, און זאָגט אויך קדיש, אָבער ווי ניט מיט זיין קול און די ווערטער קומען אַרויס פון זיין מויל אַזוי הייזעריק־שטיל, אַז ס'איז זיי שווער צו כאַפּן.

אַן אַלטער פרומער ייד האָט באַמערקט דעם קליינעם יתום ביים פענצטער איינעם אַליין זאָגן קדיש, איז ער צו אים צוגעגאַנגען, זיך איינגעבויגן און איינגעהערט זיך כדי צו ענטפערן „אָמן״, אַז דער קדיש זאָל האָבן אַ תיקון.

האָט זאַלמעלעס האַרץ גענומען קלאַפּן נאָך ווילדער און ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. האָט דער אַלטער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און האָט אים אונטערגעזאָגט ביז זאַל־מעלע האָט מיט מאַטערניש און שאַנד געענדיקט דעם קדיש.

— קענסטו ניט, שייגעץ איינער, זיך גוט אויסלערנען קדיש אויף אויסנווייניק? נאָך וועמען זאָגסטו דאָס? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— נאָך דער מאַמען, — האָט זאַלמעלע געשטאַמלט.

— האָט זי ביי דיר ניט פאַרדינט דו זאָלסט קדיש זאָגן ווי ס'געהער צו זיין?

אַנשטאָט צו ענטפערן האָט זיך זאַלמעלע באַוואַשן מיט טרערן...

איבערזעצונגען

העגרי וואַדסוואָרט לאָנגפעלאָ (1807—1882)

דער יידישער בית־עלמין אין ניופּאָרט

(פון ענגליש)

ווי אויסטערליש! אין זייערע קברים אַט־די יידן,
האַרט ביי דער גאַס פון היפשער האַפנשטאָט ביים ים,
פרידלעך־שטיל, נעבן כוואַליעס קיינמאָל ניט אין פרידן,
באַרוט, אין מיט פון דעם פאַרקער און טאַראַראַם!

אין הויך פון ווינט מיט ברייטע פאַרהענג ווייען
די ווייס־פאַרשטויבטע ביימער איבער זייער שלאָף,
ווען זיי אונטער די בלעטערשע געצעלטן גייען
דעם לאַנגן עקואַדוס פון טויט צו דעם אין־סוף.

און דעם בית־עלמינס ברוק, וואָס איז געפלאַסטערט
מיט פלאַכע שטיינער, ברוין פון אַלטקייט ווי געפאַרבט,
איז ווי די לוחות, ווען ס׳האָט משה, אַ צע׳כעס׳טער,
געוואָרפן און צעבראָכן זיי ביים פוס פון באַרג.

ווי אויסטערליש — די נעמען זייערע אפילו!
פון פרעמדן שפּראַך־אַקצענט, פאַרשיידענעם קלימאַט —
יעקב און אברהם האָבן אַ פאַמיליע
אַלוואַרעז צי ריוועראַ גאָר געהאַט.

„געבענטשט איז גאָט, וואָס האָט באַשאַפן טויט ווי לעבן!"
געזאָגט האָט זייער אבל: „טויט איז פריד און רו."
און מיט דער זיכערקייט פון גלויבן, צוגעגעבן:
„און ער גיט אַ לעבן, וואָס ער נעמט ניט קיינמאָל צו".

פאַרמאַכט איז זייער שול, עס דאַוונען דאָרט בלויז שאָטנס,
און דודס תהילים די טויט-שטילקייט ניט וועקט,
עס לייענט ניט קיין רב די אַלטע צען געבאָטן
אין דעם געהויבענעם נביאים-דיאַלעקט.

אַוועק — די לעבעדיקע, ס'בלייבן דאָך די מתים,
און ניט פאַרלאָזן, ווייל אַ האַנט, וואָס מ'זעט זי ניט,
איר חסד שפּרייט ווי רעגן אין אַ טאָג אַ הייסן
און זייערע קברים און געדעכעניש באַהיט.

ווי קומען זיי אַהער? וואָס פאַר אַ האַס פון קריסטן,
וואָס פאַר רדיפות, אָן רחמנות, בלינד, אָן זין,
האָט דאָס געטריבן איבער אָקעאַן דעם וויסטן
אָט-די ישמעאלס, הגרס פונעם מענטשן-מין?

געלעבט האָבן זיי אין ענגע געסלעך, הינטער טויערן
פון געטאָ און יודענשטראַס, אין פינצטערניש און קויט,
אין חדר פון געדולד געלערנט אויסצודויערן
דאָס אַנגסטיקע לעבן און דעם פייער-טויט.

זיי האָבן מיטן ברויט פון טייג ניט-אויפגעיערטן
און ביטערן געוויקס פון גלות אַ לעבן-לאַנג
גענערט דעם הונגער פונעם האַרצן דעם געצערטן
און געשטילט זיין דאָרשט מיט טרערנס זאַלץ-געטראַנק.

„אנאַטעמאַ מאַראַנאַטאַ!" האָט זיך געטראָגן
ס'געשריי פון שטאָט צו שטאָט, גאַס־איין, גאַס־אויס:
ביי יעדן טויער איז מרדכי אויסגעלאַכט, געשלאָגן,
פון קריסטלעכע פּיס געטריבן מיט אַ שטויס.

אַ שטאָלץ, געאָרעמט מיט הכנעה, האָט באַגלייט זיי
אַדורך דער וועלט, וואוהין זיי האָבן זיך געווענדט;
געטראַמפּלטע ווי זאַמד, דאָך זענען די צעשפּרייטע
געבליבן ניט צעטרייסלט ווי דער קאָנטינענט.

ווייל אינעם הינטערגרונט געשטאַלטן אָן אַ צאָל
פון פּאַטריאַרכן און נביאים זענען אויפגעשוואומען,
און אַלע הערלעכע טראַדיציעס פון אַמאָל
אין שפּיגלען האָבן זיי געזען — פון טעג וואָס קומען.

און תמיד האָבן זיי מיט דעם געוואוינטן בליק
געלייענט שוין די מיסטיק פון דער וועלט אין ענדער
ווי אַ העברעאיש ספר, אויסגעלייגט אויף קריק,
ביז ס'לעבן איז געוואָרן פון טויטע אַ לעגענדע.

נאָר ווי! וואָס איינמאָל איז געווען, וועט מער ניט זיין!
די קרעכצנדיקע ערד אין ווייען פון געבערן
ברענגט ראַסן אויף דער וועלט, נאָר רעסטאַווירט ניט קיין
טויט פאָלק, אַז לעבעדיק ווי פריער זאָל עס ווערן.

לי האַנט (1859—1764)

אבו בן אַדהעם

(פון ענגליש)

אַבו בן אַדהעם / זאָל זיין שבט מערן זיך אין צאָל! /
האָט פון שלאָף און פון חלום וועגן שלום זיך אַמאָל
אויפגעוועקט ביינאַכט, געשטערט ניט פון דאָ־הי,
און האָט דערזען אין דעם לבנה־שיין אין צימער,
וואָס אין אַ היכל האָט פאַרוואַנדלט אים אַ שימער,
אַ וויזיע ווי אַ ליליע אין וויסן בלי, —
אַ מלאך שרייבן אין אַ גאָלדן בוך.
איבערפול מיט פרידן, האָט בן אַדהעם אָן אַ סקרוך
פון פאַרכט געפרעגט ביי אים, וואָס קומט פון אויבן:
„וואָס שרייבסטו?" האָט זיין קאָפּ דער מלאך אויפגעהויבן
און מיט אַ בליק פון כולו שלווה, הארמאָניע און גנאָד
געענטפערט: „די נעמען פון די, וואָס האָבן ליב גאָט."
„איז מיינער דאָ?" האָט אַבו אים געפרעגט. „ניין, ניטאָ".
האָט אַבו עטוואָס שטילער וועגן בוך פון גאָלד,
נאָר אַלץ נאָך דרייסט, געזאָגט: „פאַרשרייב מיך אפשר יאָ
ווי איינעם וואָס זיין מיטמענטש האָט ער האָלד."
דער מלאך האָט פאַרשריבן און פאַרשוואונדן.
די צווייטע נאַכט

וועקט ער ווידער מיט זיין שימער ס'אויג וואָס איז פאַרמאַכט,
און ווייזט אין בוך די נעמען, וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן.
און זע! דער ערשטער איז בן אַדהעם דאָרט פאַרשריבן.

אַנאַ אַכמאַטאָוואַ (1966—1888)

פון ספר בראשית

(פון רוסיש)

1

רחל

און יעקב האָט רחלען באַגעגנט אין טאָל,
אַ הימלאָזער וואָגלער, האָט ער זי באַגעגנט.
הייסן שטויב אויפגעהויבן האָבן סטאַדעס אין וואָל,
אַ רייזיקער שטיין אויפן קוואַל איז געלעגן.
האָט אָפּגערוקט יעקב דעם שטיין מיט דער האַנט,
די שאָף מיט ריין וואַסער געלאָשן פון בראַנד.

נאָר געגומען האָט טרויערן זיין האַרץ אין דער ברוסט
און ווייטאָן ווי אַ וואונד אָן אַ פלאַסטער.
און זיבן יאָר דינען פאַר דער מויד וואָס ער גלוסט
איז מסכים באַלד יעקב, זיין לבנס אַ פאַסטעך.
אָ, רחל! פאַר אים, וואָס ביי דיר אין די הענט,
איז זיבן יאָר גלייך ווי זיבן טעג פון פאַרבלענד.

נאָר לבן דער גייציקער זייער קלוג איז און שלעכט,
פאַר אים איז רחמנות אַ געפיל אומבאַקאַנטער,
ער טראַכט זיך: אַז אָפּנאַרן, שווינדלען איז רעכט
אַבי לבנס הויז וואַקסט דערפון זיך פונאַנדער.
און לאַהן די בלינדע מיט אַן אייזערנער האַנט
צו יעקבן פירט ער ווערן באַמאַנט.

א הויכע, פליסט איבערן מדבר די נאַכט,
פאַרלירט קאַלטע ראָסע אין פליסן.
און ס'קרעכצט לבנס יינגערע טאָכטער, די פּראַכט
און רייסט זיך די צעפּ, ווי זיך צו פאַרמיאוסן.
איר שוועסטער פאַרשעלט זי, און גאָט אויך אַליין,
דער מלאך המוות זאָל קומען צו גיין.

און ס׳חלומט זיך יעקבן אַ זיסער מאָמענט —
אין טאָל אַ דורכזיכטיקער קוואַל אין אַ חמימה,
די אויגן פון רחלען מיט פריילעכן בלענד
און ס׳וואָרקען פון איר טייבלישער שטימע:
— צי האָסטו ניט, יעקב, געקושט מיך, געדריקט,
„מיין זון־פאַרשווארצט טייבל״ גערופן באַגליקט?

2

לוטס ווייב

און דער צדיק נאָכן מלאך איז געגאַנגען פרום,
אַ גרויסער, אַ ליכטיקער אויפן שווארצן באַרגס רוקן,
נאָר צום ווייב דער אַלארם האָט געהילכט: קוק זיך אום,
ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט לעצטמאָליק צו קוקן —

אויף די טורעמס די רויטע פון דיין היימשטאָט סדום,
אויפן הויף, וואו געזונגען האָסטו ביים שפּינען,
אויף די ליידיקע פענצטער פונעם הויז אויבנאָן,
וואו דיין ליבן מאַן האָסטו קינדער געווינען.

געכאַפּט בלויז אַ בליק, און פון טויטווייען וויים,
זענען בלינד איר אויף אייביק די אויגן געשלאָגן,
דער גוף איז פארוואנדלט אין דורכזיכטיק אייז,
צו דר׳ערד צוגעוואָקסן די פיס, וואָס זיך יאָגן.

ווער וועט אָט־די פרוי דען זיך נעמען באַוויינען?
פון אַלע פאַרלוסטן דער קלענסטער אין פלוג.
עס וועט בלויז מיין הארץ ניט פאַרגעסן קיינמאָל
איר גיבן אַ לעבן פאַר אַן איינציקן קוק.

יעווגעני יעווטושענקאָ

ווען מענטשנס גורל

(פון רוסיש)

קיין ניט־אינטערעסאַנטע מענטשן איז ניטאָ.
ווי די פּלאַנעטן אויבן, אויך די מענטשן דאָ
אינגאַנצן אַנדערש זענען — יעדער פון זיין כלל,
ס׳איז יעדער אייגנאַרטיק — אַן אָריגינאַל.

און האָט אַ מענטש געלעבט דאָ אומבאַמערקטערהייט
און כאָטש אַן אומבאַמערקטער, האָט ער זיך געפריידט,
איז ער אינטערעסאַנט מיט דעם אַליין געווען —
מיט בלייבן אומבאַמערקט, מיט זיין ניט־אָנגעזען.

ס׳האָט יעדער מענטש זיין אייגענע געהיימע וועלט
און אין דער וועלט זיין גליקלעכסטער מאָמענט איז דאָ
און ס׳איז פאַראַן זיין שוידערלעכסטע שעה,
פאַר אונדז איז אָבער דאָס פאַרהוילן און פאַרשטעלט.

און ווען עס שטאַרבט אַ מענטש, צוזאַמען שטאַרבט מיט אים
זיין ערשטער שניי און צוויט, אַלצדינג וואָס איז אינטים —
דער ערשטער קוש זיינער און אויך דער
ערשטער שטרייט...
אַלצדינג מיט זיך פאַרנעמט ער אין דער אייביקייט.

געוויס, עס בלייבן איבער ביכער — גאַנצע בערג! —
און בריקן, און מאַשינען, און קינסטלערישע ווערק, —
געוויס, אַ סך בלייבט איבער פונעם מענטשנס מי
און דאָך לאיבוד עפּעס גייט אַוועק סיי־ווי!

אַזוי איז דער געזעץ פון דער אָן־רחמים־שפּיל.
ניט מענטשן שטאַרבן, נייערט וועלטן פון געפיל.
ס׳געדענקען זיך אונדז מענטשן זינדיקע אַזוי,
נאָר וואָס בעצם ווייסן מיר פון זיי גענוי?

וואָס ווייסן מיר פון ברידער — אייגן ביין און לייב?
וואָס ווייסן מיר פון בוזעמפריינד און אייגן ווייב?
און וועגן אונדזער טאַטן, ווייסנדיק אַ סך,
מיר ווייסן גאָרנישט ניט, מיר ווייסן ניט קיין זאַך.

און מענטשן גייען אַלץ אַוועק, אויף ניט צוריק צו גיין,
און די געהיימע וועלטן קומען שוין ניט מיין.
און יעדן נייעם מאָל מיר ווילט זיך נאָכאַמאָל
פון וועגן דעם ניט־אומקער שרייען אויפן קול...

שמעון פרוג (1916—1860)

צו פּראָמעטייען

(פון רוסיש)

„און גאָט האָט מיר געגעבן צוויי שטיינערנע לוחות... און אויף זיי... די ווערטער וואָס גאָט האָט מיט אייך גערעדט אויפן באַרג פון מיטן פייער..."

איך פאַרנעם, פּראָמעטיי, דיינע פּיינלעכע קרעכצן
און מיט צער אין מיין האַרץ, ניט מיט רו,
קוק איך אויף דעם מאַסיוו פונעם פעלדז דעם פּאַטאַלן
און די קייטן וואָס שמידן דיך צו...
אָ, געוועזן איז צעאוס אַ גאָט פון אכזריות,
אָן רחמנות געוועלטיקט האָט ער.
נאָר אַ רגע שווייג שטיל, קרבן פון זיין נקמה,
און אויף מיר, פּראָמעטיי, קוק און הער:
ניט געגנבעט ביי גאָט האָב איך ס'הייליקע פייער,
אויך באַקומען אומזיסט האָב איך ניט —
אי מיט טרערן געצאָלט, אי מיט בלוט כ'האָב געסילוקט
פאַרן דאָזיקן פייער וואָס כ'היט.
און מיט טרערן און בלוט איך באַצאָל נאָך עד-היום,
ווי אַ חוב אויף אַ צייט אָן אַ לענג,
און עס פּיקט אין מיין ברוסט ניט קיין איינציקער שפּאַרבער
נייערט הונדערטער שפּאַרבערס און שלענג,
איינגעזויגן אין מיין אומבאַשיצטן האַרצן,
מיינע בלוט-וואונדן רייסן אָן סוף...
אָ, וואָס מיינט, אין פאַרגלייך מיט דער מאַטערניש מיינער,
דיינע אַלע יסורים און שטראָף?!...